בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' בחקותי | י"ג אייר | תשע"א | פסחים: נ"ו.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט איז הרה"צ ר' אברהם יושע העשיל טווערסקי שליט"א בן האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא שליט"א וחדב"ן האדמו"ר מ'סקווירא שליט"א געקומען צו מרן רבינו שליט"א מקבל צו זיין ברכת קדשו לרגל די בר מצוה פון זיין זוהן ני"ו, וועלכער קומט אי"ה פאהר די וואך.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט נאכ'ן דאווענען געזאגט א שיעור אין ספר תהלים פאר די בחורים.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג בביתו נאוה קודש פון 8:30 ביז 11:00 אזייגער אווענט.

## דינער לטובת מוסד הק' בוני עולם היינט אין בארא פארק

אנשי שלומינו תושבי בארא פארק וועלן זיך אי"ה היינט נאכט ציילן צווישן די אלפי תושבי העיר ביים גראנדיעזן יערלכיען דינער לטובת דעם וועלט בארימטן מוסד הק' בוני עולם, וועלכע'ס קומט פאהר אין די זאלן פון בניני מוסדותינו הק' אויף די 14'טע עוו.

צוליב די מאנגל אין פלאץ בלעיה"ר ווערט דער דינער פאלצירט אין די עטרת חי' זאל, און אין די זאלן פון הילמאן פלאזא, און אזוי אויך אינעם אדיטוריום אויף די פערטע שטאק פון די בנין בית רחל, ווי א רייכע סעודה און א גאהר רייכער פראגראם ערווארטעט דעם ציבור.

*-בואו בהמוניכם!-*

## דינער פאר מוסדות יטב לב בארה"ק אין מאנטשעסטער

אצינד אויפדערנאכט אין מאנטשעסטער קומט פאהר דער יערלכיער דינער לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק ווי אנשי שלומינו תושבי מאנטשעסטער זענען זיך וואַרעם משתתף בגוף ובממון ספעציעל אין די נאכט פונעם יארצייט פון התנא רבי מאיר בעה"נ וואס דער סגולה דערפון איז געוואלדיג גרויס.

לכבוד דער געלעגנהייט איז ספעציעל געקומען צו פאהרן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו לאנדאן שליט"א וועכלער דינט אלס נואם הכבוד צום היינטיגן דינער.

בייגעלייגט איז דא צוויי הערליכע אויסגאבע'ס וועלכע זענען ערשינען צום היינטיגן אווענט אין מאנטשעסטער.

*-אלקא דמאיר יעננו-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.